NEW YORK STATE | Medicaid




### וואס איר זאלט וויסן וועגן

# COVID-19 וואקסינען, טעסטס, באהאנדלונגען, און אייך

## COVID-19 וואקסינען

**טוט NYS Medicaid דעקן COVID-19 וואקסינען?**
יא. מיטגלידער קענען באקומען א COVID-19 וואקסין אדער בוסטער אומזיסט.

**וועלכע וואקסינען ווערן געדעקט?**
אלע וואקסינען און בוסטערס ווערן געדעקט. זיי מוזן ווערן באשטימט אדער אויטאריזירט דורך די FDA.

**וואו קען איך באקומען די וואקסין?**
מיטגלידער קענען באקומען די וואקסין ביי פראוויידער'ס אפיסעס, אפטייקן, און העלטקעיר צענטערן.

**וואס איז אויב איך האב פראגן וועגן די COVID-19 וואקסין?**
אייער העלטקעיר פראוויידער אדער אפטייקער קען ענטפערן פראגן וועגן די וואקסין אדער בוסטער.

## COVID-19 טעסטס

**וועלכע מין פון טעסטס ווערן געדעקט?**
Medicaid דעקט טעסטס פאר COVID-19, אריינגערעכנט עטליכע היים טעסטס. ביידע אנטיזשען און פאלימיראז קייט רעאקציע (PCR) טעסטס ווערן געדעקט. פרעגט אייער אפטייקער אדער העלטקעיר פראוויידער איבער וועלכע נעמען פון טעסטס ווערן געדעקט.

**וואו קען איך ווערן געטעסט?**
איר קענט באקומען א טעסט ביי פילע פראוויידער'ס אפיסעס, קליניקס און אפטייקער. איר קענט אויך טעסטן אינדערהיים. מיטגלידער קענען באקומען היים טעסטס פון א אפטייק וואס נעמט Medicaid. פרעגט אייער אפטייקער. איר קענט באקומען אומזיסטע היים טעסטס אויף COVIDtests.gov, אדער דורך אייער קאונטי געזונט אפטיילונג. טרעפט אייער קאונטי געזונט אפטיילונג: https://health.ny.gov/contact/contact_information/.

**ווען זאל איך טעסטן?**
די CDC זאגט זיך צו טעסטן גלייך אויב איר האט סיי וועלכע COVID-19 סימפטאמען. איר זאלט זיך אויך טעסטן אויב איר זענט אויסגעשטעלט צו COVID-19.

**וואס איז אויב איך טעסט פאזיטיוו?**
זאגט אייער העלטקעיר פראוויידער אויב איר טעסט פאזיטיוו. זיי קענען אייך העלפן באקומען די קעיר וואס איר דארפט. זיי קענען אייך אויך העלפן אויב איר טוט זיך ווייטער שפירן קראנק נאכ'ן האבן COVID-19.

## COVID-19 באהאנדלונג

**טוט NYS Medicaid דעקן COVID-19 באהאנדלונג?**
יא, מיטגלידער קענען באקומען אומזיסטע באהאנדלונג פאר COVID-19 מיט טערפיס באשטימט אדער אויטאריזירט דורך די FDA.

**וועלכע COVID-19 באהאנדלונגען ווערן געדעקט?**
Medicaid טוט דעקן אנטיוויראלס און מאנאקלאניאל אנטיבאדיס. זיי מוזן ווערן באשטימט אדער אויטאריזירט דורך די FDA. באהאנדלונגען קענען העלפן אייער קערפער זיך קריגן מיט די ווירוס. עס איז וויכטיג צו זאגן פאר אייער העלטקעיר פראוויידער וויבאלד איר טעסט פאזיטיוו. זיי קענען אייך העלפן אויב איר דארפט איינע פון די באהאנדלונגען.

**וואו קען איך ווערן באהאנדלט?**
אייער העלטקעיר פראוויידער קען אייך זאגן וואו צו גיין. אויב איר האט נישט א פראוויידער וואס קען העלפן, גייט צו אן ארזשענט קעיר אדער שפיטאל. Test-to-Treat sites געבן טעסטס און באהאנדלונג אין די זעלבע באזוך.

### COVID-19 וואקסינען, טעסטס און באהאנדלונגען זענען אומזיסט פאר Medicaid מיטגלידער

- NYS Medicaid דעקט פילע COVID-19 טעסטס, וואקסינען, בוסטערס, און באהאנדלונג.
- זיי מוזן זיין FDA באשטימט און אויטאריזירט.
- COVID-19 סערוויסעס זענען אומזיסט פאר מיטגלידער. פראוויידערס און אפטייקן קענען אייך נישט רעכענען.
- באהאנדלונגען קען זיין דראגס ווי מאנאקיאנאל אנטיבאדיס און אנטיוויראלס.
- פארבינדט זיך מיט אייער העלטקעיר פראוויידער אדער אפטייקער אויב איר האט פראגן וועגן COVID-19 וואקסינען, טעסטס, אדער באהאנדלונג.

### פאר מער אינפארמאציע

- פאר פראגן וועגן Fee For Service, FFS דעקונג, פארבינדט זיך מיט די Office of Health Insurance Programs, OHIP Division of Program Development and Management (DPDM) רופט (518) 473-2160 אדער אימעילט FFSMedicaidPolicy@health.ny.gov.
- פאר פראגן איבער FFS אפטייק דעקונג, רופט די Medicaid Pharmacy Policy Unit. רופט (518) 486-3209 אדער אימעילט PPNO@health.ny.gov.
- פאר פראגן איבער מענעדזשד קעיר דעקונג, רופט אייער מענעדזשד קעיר געזונט פלאן.